בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ואתחנן תשע"ז** שבת נחמו **פרק ד' גליון 420 [שנה ט']**

**קשר פון ואתחנן צו די הפטורה נחמו נחמו עמי**

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר: ה' אֱלֹקִים: (ג כג–כד) דער וואך ליינט מען די הפטורה פון נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי (ישעי' מ א) מען וואלט געקענט מקשר זיין די פרשה מיטן הפטורה, נַחֲמוּ מען דארף זיך טרייסטן פארוואס? ווייל נאך תשעה באב ווערט שוין לעכטיגע טעג און מען גרייט זיך אויף גוטע טעג, נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי, זאגט אונז צו דעם רבש"ע: איך וועל אייך אויסלייזן פון דעם ביטערן גלות, דאס איז פשטות, אבער דער הייליגער שפת אמת זאגט וואס איז דער נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי? יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם, איר זאלט זאגן אז ער איז דיין ג–ט. אלעס וואס ער טוט איז א טובה פאר אונז און ער האט אונז זייער ליב און איז שטענדיג מיט כלל ישראל, יעצט אין די פרשה שטייט (ד לט) אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד, טייטש דער הייליגער בית אהרן פון קארלין אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת, א מענטש דארף וויסן כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, ער איז אונזער ג–ט, אֵין עוֹד, מער דארפסטו נישט וויסן, דאס וועט דיר ברענגען טרייסט און ליבשאפט צו ה', מיט דעם איז גוט די קשר וָאֶתְחַנַּן אֶל ה', איך טו בעטן, בָּעֵת הַהִוא, אין אלע צייטן, לֵאמֹר, איך זאל זאגן און וויסן, ה' אֱלֹקִים, ער איז אונזער ג–ט, און האט אונז ליב און אזוי קען מען דורכגיין אלע מצבים. שטרעק אויס דיין האנט צום רבש"ע און ער וועט געבן זיין האנט און דיר אנהאלטן. (שמח זבולון תשע"ז)

**תפילות זענען נתקבל פאר א גומל חסד**

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר: אַתָּה הַחִלּוֹתָ לְהַרְאוֹת אֶת־עַבְדְּךָ אֶת־גָּדְלְךָ: אֶעְבְּרָה־נָּא וְאֶרְאֶה אֶת־הָאָרֶץ הַטּוֹבָה: (ד כג–כה) משה רבינו איז געקומען מיט א טענה און א תפילה צום רבש"ע אַתָּה הַחִלּוֹתָ, וואס דורך דעם זאל זיין תפילה אנגענומען ווערן, דארף מען פארשטיין וואס איז דער טענה און פארוואס זאל זיין תפילה אנגענומען ווערן? נאר אויף אֶת־גָּדְלְךָ דרשענט חז"ל דאס מיינט מִידַּת הַחֶסֶד – חֶסֶד לְאַבְרָהָם [אזוי ווי מיר זאגן לך ה' הגדולה ביי ויברך דוד, גדולה מיינט מדת החסד און נאכדעם הגבורה, התפארת, הנצח, וההוד וכו' די אלע זיבן ספירות, המו"ל] און שטייט אין מדרש רבה (שמות פה) ר' עזריה זאגט חֶסֶד זה משה שעשה חֶסֶד עם יוסף, אויך שטייט אין מדרש שוחר טוב (סי' ס"ה) דער וואס איז א גומל חֶסֶד איז גרייט זיינע תפילות זאלן אנגענומען ווערן ע"כ, ממילא האט משה געזאגט וָאֶתְחַנַּן אֶל ה', איך האט מתפלל געווען צו דיר, דער אויבערשטן, און זאלסט אנעמען מיינע תפילות, ווייל אַתָּה הַחִלּוֹתָ לְהַרְאוֹת האסט געגעבן, אֶת "עַבְדְּךָ" –משה– אֶת־גָּדְלְךָ, די מדת החסד, פון אַבְרָהָם, צו מיר, ממילא דורך מיין מִידַּת הַחֶסֶד איז רעכט צו ענטפערן מיינע תפילות, דעריבער אֶעְבְּרָה־נָּא וְאֶרְאֶה אֶת־הָאָרֶץ הַטּוֹבָה. (תנופה לחיים – ר' חיים פאלאז'י)

**פארוואס דארף שטיין כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי ה' אֱלֹקָי?**

רְאֵה לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי ה' אֱלֹקָי: (ד ה) פארוואס דארף שטיין כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי ה' אֱלֹקָי, וואלט געווען גענוג צו שרייבן רְאֵה לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים, ווייל דער עיקר וויל משה זאגן אז ער האט זיי אויסגעלערנט די תורה? נאר באמת האט משה רבינו אסאך געפלאגט צו פארשטיין די תורה וואס ער האט איבערגעבן פאר כלל ישראל, און דער אויבערשטער האט אויך אויסגעלערנט חידושים פאר משה אליין, אבער משה האט זיך געפירט מיט די אידן טוֹב עַיִן און אויך איבערגעגעבן יענע חידושים פאר די אידן, דאס מיינט רְאֵה לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים: דאס זענען די חידושים נאר פאר אייך, אבער אויך כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי ה' אֱלֹקָי, איך האב אייך אויך איבערגעגעבן די חידושים וואס איז געווען נאר פאר מיר, ווייל עס שטייט (משלי כ"ב ט) טוֹב עַיִן הוּא יְבֹרָךְ. (בן איש חי)

**די נשמה -רוחניות- דארף א שטארקע שמירה**

רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד: (ד ט) דארף מען פארשטיין די דאפלטע לשון הִשָּׁמֶר לְךָ און וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ? נאר רש"י ד"ה "אך" (אמֹר כג כז): ברעגט אַכין וְרַקים שבתורה מיעוטין הן", אַךְ אדער רַק מיינט עפעס ממעט זיין. קען מען זאגן אז די תורה רעדט וועגן צוויי אנדערע זאכן, דיין גשמיות און דיין נשמה די חלק הרוחניות, לְךָ מיינט דיין גשמיות, שטייט די שמירה מיט א רַק, ווייל נישט דאס איז דער עיקר, אבער וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ וואס איז נוגע צו דיין נשמה, רוחניות, דאס זאלסטו היטן מְאֹד, א שמירה מעולה, (שיח אבות בשם הר' שלמה חיים מקוידנוב זי"ע)

**צדקה איז מבטל דינים**

וּצְדָקָה תִּהְיֶה־לָּנוּ: (ו כה) שטייט אין די הייליגע ספרים אז צְדָקָה איז מרומז אויף רחמים און לנ"ו = 86 איז גימט' אלקים = 86 וואס אלקים איז מדת הדין, וואלט מען געקענט זאגן עס שטייט וּצְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת (משלי ב י) אז צדקה האט א כח צו מבטל זיין א גזר דין פון מיתה, דאס קען זיין וּצְדָקָה תִּהְיֶה צדקה העלפט פאר אונז צו מבטל מאכן לָנוּ, ביי א גזר דין. (המו"ל עפ"י שיח אבות בשם הר' אהרן מקוידנוב זי"ע)

**דרוש אויף צדקה בשלימות**

וּצְדָקָה תִּהְיֶה לָּנוּ כִּי נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־הַמִּצְוָה הַזֹּאת: (ו כה) דארף מען פארשטיין וואס מיינט אֶת־כָּל־הַמִּצְוָה? אויך פארוואס דארף שטיין לָנוּ, עס וואלט געקענט נאר שטיין וּצְדָקָה תִּהְיֶה כִּי נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת? נאר די גמרא (ב"ב דף ט:) זאגט אמר רב יצחק כל הנותן פרוטה לעני מתברך בשש ברכות, והמפייסו בדברים מתברך בי"א ברכות, דער וואס גיט צדקה באקומט 6 ברכות אבער דער וואס רעדט שיין און בארוהיגט דער ארימאן באקומט 11 ברכות – עס איז דא א מחלוקת ביי דעם המפייסו, צו ער האט 11 מיט נאך 6 אדער נאר 11? דער וואס האלט אז מען באקומט 17 טו"ב ברכות האט צו דעם א רמז, שטייט כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר וועגן דעם וואס דו האסט אויך גערעדט מיטן עני, "הַזֶּה", יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ (דברים ט"ו י) הז"ה איז בגימט' 17 וועסטו זוכה זיין פון אויבערשטן 17 ברכות– כדי צו פארשטיין פארוואס המפייסו באקומט נאך ברכות? נאר עס שטייט אז א מענטש גיט צדקה פאר א ארימאן טוט ער דאס אלץ רחמנות עס טוט אים וויי אז יענער איד האט נישט קיין געלט ממילא פעלט דאס אין שלימות הצדקה, אבער ווען מען רעדט און מען איז מפייס דער ארימאן און מען בארוהיגט אים דאס איז א סימן אז מען פילט מיט דעם ארימאנ'ס לייד און דאס איז צדקה בשלימות מיט פילן יענעמ'ס צער. יעצט לָנ"ו איז די ר"ת לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּא. א צובראכענער הארץ, וּצְדָקָה תִּהְיֶה: אויב דיין געבן צדקה איז לָנ"ו: מיט א לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּא, מען גיט דאס צום ארימאן און מען פילט מיט זיין צובראכנקייט, דאס איז די ריכטיגע צדקה, און א שלימות המצוה, דעריבער שטייט אין פסוק ווען מען גיט צדקה מיט א לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּא, איז דאס כִּי נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת "כָּל" הַמִּצְוָה הַזֹּאת, "כָּל" מיינט די מצוות הצדקה איז מיט א שלימות. (שמח זבולון תשע"ז)

# מדור העובדות

# דער חוזה מלובלין באצאלט א איד פאר די מצוה פון פדיון שבויים

תשעה באב איז געווען דער יארצייט פון הרה"ק ר' יעקב יצחק דער הייליגער חוזה מלובלין, ער איז געבוירן געווארן אין שנת תק"ה צו זיין הייליגע טאטן ר' אברהם אליעזר און זיין מאמע מרת מאטיל אין שטאט שעברעשין אין פולין, נאך אלץ בחור איז ער געפארן צום מגיד ממעזריטש וואס האט אים זייער געשעצט און געזאגט אויף אים ער איז א בחור וואס האט נישט טועם געווען א טעם חטא, מען דערציילט אז דער מגיד האט געהאט זיין מנין פון בני עלייה און דער חוזה האט געוואלט מיט דאווענען און דער מגיד האט אים געזאגט ער וועט נישט אויסהאלטן, אבער דער חוזה אבער זייער שטארק געוואלט זיין ביי אזא מנין און האט זיך ארייגעכאפט, ביי אין כאלקינו איז געווען דער שליח ציבור ר' אהרן הגדול פון קארלין זיע"א, ווען ר' אהרן הגדול האט אנגעהויבן זאגן אין כאלקינו איז ער געווען א ביסל אין די לופט און אזוי יעדן אין כאלקינו איז ער געגאנגען העכער ביז ער איז שוין געווען ביים דאך! און דער הייליגער חוזה האט געחלש'ט און מען האט אים געמוזט ארויס נעמען. ווען ער איז געקומען צו זיך האט אים דער הייליגער מגיד געזאגט אז זאלסט נישט זיין געפאלן אז דו האסט נישט געקענט מיט האלטן מיט די בני עלייה האסט דערווייל נאר דערגרייכט די מדריגה פון רָצוֹא און נישט פון וָשׁוֹב וועגן דעם האסטו נישט מיטגעהאלטן. אבער וועסט נאך צוקומען צו די מדריגה.

אין שנת תק"מ האט זיין רבין הרה"ק ר' אלימלך מליזענסק אים מכתיר געווען צו זיין א רבי און אים געשיקט קיין לאהנצוט און דארטן האט זיך צוגעטשעפעט אסאך חסידים, און אין שנת תק"ם איז ער אריבער קיין לובלין. און עס איז ידוע אז דער חוזה איז געגאנגען אין גאס מיט א שמאטע אויף די אויגן 7 יאר, כדי ער זאל נישט קוקן אויף וואס מען טאר נישט, וואס דורך די אויגן האט ער געקענט זען אין די גאנצע וועלט, און אויך ווען ער האט אנגעקוקט א מענטש אדער געליינט זיין קוויטל האט ער געזען וואס אין זיין תיקון אויף די וועלט און אלע זיין גלגולים ביז אדם הראשון, וואס וועגן דעם האט מען אים גערופען דער חוזה, דאס מיינט וואס זעט! און דאס איז די סיבה פארוואס זיין הייליגער רבי האט אים געשענקט זיינע אויגן איידער ער איז נסתלק געווארן.

אין א שטעטל נישט ווייט פון לובלין האט געוואוינט א איד א עושר און א תלמיד חכם וואס האט געהאט מסירות נפש אויף הכנסת אורחים ער האט זיך נישט געוואשן צו א סעודה ביז ער האט געהאט א אורח ביי זיין טיש. דער אויבערשטער האט אים געשענקט עשירות און גוטע קינדער און איידעמער תלמידי חכמים. איין מאל א וואך האט זיך נישט געמאכט אז ער זאל האבן א גאסט און ער האט געווארט ביז די נאכט און האט נאר געגעסן א קליין שטיקל מזונות ביי זיין טיש אזוי איז געווען די גאנצע וואך אן א אורח. פרייטאג איז די משפחה שוין געווען באזארגט ווייל דער בעל הבית איז שוין געווען שוואך פון מער נישט עסן און דער שבת וועט זיין א צער אויב ער וועט נישט האבן א אורח, האבן די קינדער זיך צושפרייט אין די וועגן ביז איינער האט געטראפן א אלטע איד און ער האט מסכים געווען צו זיין זייער אורח.

דער בעל הבית האט איינגעפירט אז אלע מוזן זאגן תורה ביים טיש און ווען מען האט מכבד געווען די אלטע איד מיט זאגן תורה האט ער געזאגט אז ער האט נישט. האט דער בעל הבית געזאגט אפשר איז ער אויסגעמוטשעט פון וועג אבער ווען עס איז געקומען צו שלש סעודות האט איהם זיין איידעם פארשעמט אז אפילו א פסוק חומש קען ער נישט! אבער דער אורח האט זיך נישט באליידיגט און נישט דערשראקן און ער האט אים געענטפערט שיינער הייט אז יעצט ביזטו אן עושר אבער וועסט בקרוב ווערן א רב אין א קליין שטעטל און האבן א קליינע פרנסה.

נאך שבת ווען דער בעל הבית האט געדאנקט דעם אורח האט ער איהם געפרעגט ווי אזוי קען דען זיין אז מיין איידעם איז אזא עושר און זאל נאך ווערן א רב מיט א קליין פרנסה? האט איהם דער אורח געזאגט איל וועל דיר דערציילען א מעשה: איך בין געווען א שניידער ביי א פריץ אבער ווייל איך האב געהאט שיין פרנסה האב איך געמוזט דארטן וואוינען צווישן די גוים און נישט געהאט קיין מנין. איינמאל האט מען גענדארפט פייערן די 50 געבורט'ס יאר פון פריץ און דער פריץ האט גענדארפט איך זאל נייען פאר זיין גאנצע משפחה קליידער האט ער מיר געגעבען 300 רובל צו גיין קויפן די שענסטע סחורה פאר אזא צייט.

גייענדיג אויפן וועג צו קויפן די סחורה האב איך געהערט קולות פון דער ווייטנ'ס בין איך דארטן געגאנגען און געזען ווי א גאנצע משפחה איז געבונדן מיט קייטן, אין די וואגן פון די פאליציי, האב איך זיי געפרעגט וואס האבן זיי געטאן? האט מען מיר געענטפערט אז די טאטע האט געדונגען א קרעטשמע און האט שוין לאנג נישט באצאלט און דער פריץ האט באפוילן מען זאל איהם איינזעצן. האב איך געזאגט איך וויל זיי אויסלייזן! האבן זיי מיר גענומען צום פריץ און געפרעגט וויפיל געלט קומט דער איד? האט דער פריץ געזאגט 300 רובל. האב איך גענומען די 300 רובל וואס איך האב געהאט און באצאלט דעם פריץ און ער האט באפרייט די גאנצע משפחה. די טאַטע האט מיר געבענטשט און געזאגט איך האב דיר נישט יעצט מיט וואס צו באצאלן אבער איך זאג דיר צו אז אויף עולם העליון וועל איך דיר באצאלן.

דערווייל האב איך געטראכט וואס וועל איך זאגן פארן פריץ? האב איך בארעכנט איך וועל זאגן דער פריץ אז גנבים האבן מיר באפאלן און צו גענומען די געלט, און אויב ער וועט מיר גלויבן איז גוט און אויב נישט איז געווען כדאי די מצוה פון פדיון שבוים. דער אויבערשטער האט געהאלפן און דער פריץ האט מיר געגלויבט ווייל ער האט געזאגט ער ווייסט איך בין א איש נאמן און מיר געגעבן נאך 300 רובל. איך האב געקויפט די שענסטע סחורה און גענייט שיינע מלבושים פאר די גאנצע משפחה און דער פריץ האט מיר געגעבן א גאר גרויסע באלוינונג פאר די ארבעט.

יעצט האב איך געטראכט איך בין שוין אלט און האט יעצט גענוג געלט, וויל איך גיין וואוינען צווישן אידן, אומר ועושה איך האב זיך געזעגנט פון פריץ און געגאנגען וואוינען צווישן אידן. יענעם ערב יום כיפור בין איך געגאנגען פרי אין שול און אנגעטאן מיין קיטל און זיך ארום געוויקלט מיטן טלית און גענומען זאגן תהלים. אינמיטן זאגן תהלים פיל איך ווי עס ווערט מיר טונקל און איך שוועב אין די לופטן און עס ווערט ליכטיג און אנקעגן מיר שטייט דעם טאטן וואס איך האב גערעטעוועט פון תפיסה. און ער זאגט היות ער האט מיר צו געזאגט אז בעולם העליון וועט ער מיר באצאלן און ער איז יעצט דארטן, וויל ער אז איך זאל גיין צום הייליגן חוזה אין לובלין און ער וועט שוין וויסן וואס דיר צו געבן. אינמיטן רעדן מיט יענעם טאטן הער איך ווי דער שמש שרייט צו מיר עס איז שוין שפעט און ער וויל פארמאכן די שול האב איך שנעל געענדיגט א ביסל דאווענען און אהיים געגאנגען. נאך יום כיפור בין איך געפארן קיין לובלין און אריין צום חוזה וואס האט שוין אלעם געזעהן און ער זאגט מיר אז ער וויל איך זאל דאווענען מיט אים אין זיין סידור. אזוי האט ער געטאן א יאר צייט. נאכן יאר האט דער חוזה מיר געזאגט אז פון היינט אן וועל איך קענען זען אויף א מענטש וואס עס וועט זיין מיט איהם שפעטער.

האט אויסגעפירט דעם אורח: ווען מען האט מיר געטראפן בין איך געווען אויפן וועג צוריק פון לובלין און ווען דיין איידעם האט מיר פארשעמט האט מען מיר מגלה געווען אז ער וועט פארלירן זיין גאנצע געלט בקרוב, אבער ווייל ער איז א תלמיד חכם וועט מען אים אויפנעמען צו זיין א רב אין א קליין שטעטיל פאר א קליין פרנסה. און אזוי איז טאקע געווען זיע"א

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500 שערי ציון דפוס זיטאמיר $1600 מדרש רבה דפוס זיטאמיר, ספר זרע בירך דפוס ראשון מסוגל לשמירה, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן וואר עס וועט העלפן $22000, ספר מדרש חכמים שייך להגה"ק ר' יחזקאל מערץ, ספר שייך להגה"ק ר' משה הגר מראדאוויץ ועוד הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה* מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM* Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim,**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמות? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען

דער גליון איז מוקדש לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י היה בן י"ד עזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז